בס"ד

אייער וועכנטליכע

וויליאמסבורג

# גוטשב"ק

שמחות • מודעות • אינפארמאציע • און נאך

718.388.7744 · 718.954.9788 · mail@gitmorgen.com · Free Email Subscription signup@gitmorgen.com

**עש"ק פר' נח ג' חשון תשע"ט לפ"ק ולמס' Oct. 12 '18**

2815

הדלקת הנרות 6:05 · מוצש"ק 7:31

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| עלות השחר: | 5:52 | סוזק"ש גר"א: | 9:52 | חצות: | 12:42 |
| נץ החמה: | 7:04 | סוף זמן תפלה: | 10:25 | שקיעה: | 6:20 |
| סוף זמן קר"ש: | 9:16 | סוז"ת גר"א: | 10:49 | צאה"כ ר"ת: | 7:33 |

SPONSORED BY: עש"ק ושב"ק: חזרה על הדפים הנ"ל:

יסודי התורה - סוכה - טו: - יז:

תורתך שעשועי - גיטין - ע"ט - פ"ב

Artek Insurance ALL FORMS OF INSURANCE 718.534.1322

התאחדות אברכים דקהל יטב לב דסאטמאר 718.387.7008

**וועטער אויסקוק** פאר די קומענדיגע וואך

| פרייטאג | שב"ק | זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך |
|---|---|---|---|---|---|
| 50° - 64° | 47° - 58° | 54° - 60° | 51° - 66° | 49° - 59° | 46° - 59° |
| פארוואלקענט | רעגן | פארוואלקענט | רעגן | פארוואלקענט | פארוואלקענט |

וויליאמסבורג • גוט מארגן: 718-388-7744 • קרית יואל • היום יום: 845-662-6122 • ירושלים • מבשר ואומר: 011-972-2-5810-342

כולל שומרי החומות

פאר ליכט-בענטשן און ביי אלע אייערע שמחות געדענקט די הייליגע סגולה פון אבותינו ורבותינו

הדלקה"נ 6:05
מוצש"ק 7:31

בעזהשי"ת

כיתות
## הכנה לבר מצוה
בהנהלת הרה"ג ר' אלי' יאקאבאוויטש שליט"א

אונזער ערפארונג פון 24 יאר וועט אי"ה געבן פאר אייער קינד די מאקסימום

הכנה לבר מצוה
גרייט צו ריכטיג אייער זוהן צו זיין בר מצוה להנאת ושמחת ההורים ומורים

אזוי ווי אין די פארגאנגענע 24 יאר
עפענען מיר בעזהשי"ת יעצט נאכאמאל אונזערע
**חבורות הכנה לבר מצוה**

חבורה א'
מאנטאג, דינסטאג, דאנערשטאג
8:30 - 7:30

חבורה ב'
פרייטאג נאכמיטאג
12:30 - 2:00

- עס וועט ווערן אדורכגעלערנט גאנץ הלכות תפילין מיט אן אויסערגעווענליכע קלארקייט.
- וועט געוויזן ווערן אופן עשיית הבתים, פרשיות, גידין ושערות.
- וועט ווערן געלערנט וויכטיגע הלכות, וצב"ש: ברכה"ת, ת"ת, קר"ש, תפילה, חלקים מהלכות שבת.
- ווערט צוגעגרייט מיטן זעלבסט-זיכערקייט צו קענען דאווענען פארן עמוד און ליינען (ב' וה').
- ווערט געלערנט מוסר, יראת שמים, ומדות טובות.

- מיר לערנען אויך די פשעטל (לויטן פארלאנג) -

פאר מער אינפארמאציע אדער איינצושרייבן רופט:
917.709.7744 • 718.782.6595

מערכת
**דרך אמונה**

שיעור נפלא בפרשת השבוע
"לימוד מדת הסבלנות מנח"

אורך השיעור 37 מינוט
718-298-3717
דריקט 1

ישיבת המתמידים
# ידיעות התורה
בהנהלת הרב ישראל שלום ווייס שליט"א

מיר עפענען יעצט א
## נייע כיתה פאר קינדער כיתות ו' ז' ח'
וואו מען וועט האבן די געלעגנהייט אדורכצולערנען

| | | | |
|---|---|---|---|
| **סדרים משניות** מיט די ציהל צו ענדיגן ששה סדרי משנה | אויסצולערנען **מאכן אליין א לוח** פון אלע יארן און ימים טובים | צו קענען די **זמנים ותקופות** אויסצורעכענען די זמני תפלה - קרי"ש - שבת | מ'וועט אויך לערנען די **מהלך החמה ומזלות** און קידוש החודש להרמב"ם |

די אלע זאכן ווערן געלערנט מיט א קלארע הסברה אז די קינדער זאלן עס קענען פארשטיין, ווי אויך ווערט עס פארהערט ביי די גדולי הרבנים שליט"א

טראנספארטעישן פאר ווייטערע געגנטער צוגעשטעלט - רופט 917-676-4704

**תורה שבכתב**
כתיבות על לימוד חומש רש"י

לע"נ הרה"ק רבי חיים זאנוויל ב"ר משה זי"ע מריבביץ

בשבוע זו יתקיימו הבחינות
**בביהמ"ד סאטמאר קליימער**
**ובביהמ"ד סאטמאר מוירטל**
בשעה 9:30 כרגיל

בשבוע הבא פר' לך יתקיימו הבחינות אי"ה
גם בביהמ"ד סאטמאר הופער ובביהמ"ד סאטמאר וואלאבאוט

בס"ד

מיט גרויס פרייד ווילן מיר מודיע זיין
אז די בארימטע סדר הלימוד
## הכנה לבר מצוה
וועט בעז"ה נאכאמאל אנפאנגען א כתה אין וויליאמסבורג

די שיעורים ווערן פארגעלערנט אויף א גרינגע שפראך
מיט פיל חיות און געשמאק דורך דעם באקאנטן מגיד שיעור
הרב **יעקב לייטנער** שליט"א

כיתות הכנה דרבה לבר מצוה
**ימי הבחרות**

יעדן פרייטאג
פון 12:30 ביז 2:00
מיר פאנגען אן אי"ה פרייטאג פ' תולדות

אריינברענגען בס"ד ערנסטקייט ביים דאווענען, יראת שמים, התמדת התורה און תיקון המדות.

הלכות תפילין, הנחת תפילין, קדושת התפילין און וויאזוי תפילין ווערט געמאכט.

וויכטיגע הלכות פון קרי"ש, תפלה, ציצית, שליח ציבור, זימון, קריאת התורה, ועוד.

בביהמ"ד רחובות הנהר
83 Penn Street

איינצושרייבן אייער קינד אדער פאר אינפארמאציע
347-296-6992

בס"ד

גיל ונשיש בזאת התורה, כי היא לנו עוז ואורה

ברוב שבח והודי' לא-ל בורא עולם,
ומתוך שמחה דקדושה וחדות התורה, הננו בזה בהזמנה אישית
אל מע"כ ידידינו וקרובינו היקרים והנכבדים הע"י,
כל אחד בשמו הטוב יבורך,

לבוא ולהשתתף וליקח חבל אצל מעמד

# הכנסת ספר תורה

שנכתב לזכר ולעילוי נשמת הורינו היקרים

ההה"ח **יצחק מנחם** בן ר' **יעקב** ע"ה (**אדלער**) — נפטר ו' אלול תשל"ו

וזוגתו מרת **רחל** בת ר' **מנחם מענדל** ע"ה — נפטרה ט' שבט תשע"ג

**התהלוכה תצא ברוב פאר והדר בתופים ובמחולות,**
**בקול רנה ותודה המון חוגג**

## ביום א' פ' לך לך הבעל"ט

**ה' חשון תשע"ט לפ"ק**

**כתיבת ספר תורה**
**משעה 4:00 עד 6:00**
**באולם כתר ריזל**
206 Wilson Street

והתהלוכה תלך מאולם הנ"ל
**בשעה 6:30**
## לביהמ"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר
165 Clymer Street

**והסעודה יתקיים באולם הנ"ל**

ידידיכם המצפים לקראת בואכם לשלום
**יעקב אליעזר ווערצבערגער** ומשפחתו
**יעקב הערש אדלער** ומשפחתו
**אהרן שלום אדלער** ומשפחתו
**יעקב מרדכי פריינד** ומשפחתו
**אברהם דוד קאהן** ומשפחתו



Avenue Café
419 Bedford
718-384-6956

מיר זענען
**אפען יעדע מוצש"ק**
**פון 1 שעה נאכן זמן**
מיט פיינע פרישע פיצא - best Sushi in town
הייסע בייגל'ס - Salad Bar - א.ד.ג.



Avenue Café
419 Bedford
718-384-6956

**WE ARE STILL YOUR #1**
**BREAKFAST & LUNCH PLACE!**
Breakfast special: $5.99
All day special: any sandwich $5.00



Centered on ODA your satisfaction

# ODA PRIMARY HEALTH CARE NETWORK

מיר ווילן פארשטענדיגן דעם חשוב'ן עולם די שטונדן פון

## שבת און מוצאי שבת

**QHC**
**432 Bedford Ave**
718.387.2408
**פון 6:00 אווענט**
**ביז 10:30 ביינאכט**

**ODA**
**14 Heyward St.**
718.260.4600
**פון 10:00 אינדערפרי**
**ביז 11:30 ביינאכט**

# שלום זכר - וואך נאכט

| | | |
|---|---|---|
| הגה"צ **יעקב ישראל ישורון טייטלבוים** שליט"א | בן הגה"צ **אבד"ק וואלאווא** שליט"א<br>התן כ"ק **אדמו"ר מדיטב** שליט"א | **בביהמ"ד דינוב** אצל עריכת השלחן<br>הברי"מ למחרתו בביהמ"ד הנ"ל, הברי"מ בערך 11:45 |

# שלום זכר

| | | |
|---|---|---|
| מו"ה **שלום יקותיאל ליכטענשטיין** הי"ו | בן מו"ה **בנציק** הי"ו<br>התן מו"ה **אהרן רזיאל שפילמאן** הי"ו | **ביהמ"ד הגדול קיט"ל דסאטמאר**<br>13 Hooper St. |
| מו"ה **יחזקאל שרגא לעפקאוויטש** הי"ו | בן מו"ה **סיני** הי"ו<br>התן מו"ה **אברהם שמואל ערמיאש** הי"ו | **אברכים זופניק**<br>193 Keap St. |
| מו"ה **יואל שטיין** הי"ו | בן מו"ה **ליפא** הי"ו<br>התן מו"ה **שבתי ברוינער** הי"ו | **אברכים זופניק**<br>193 Keap St. |
| מו"ה **שלמה זלמן שטערן** הי"ו | בן הרב **שלום הירץ** שליט"א<br>התן הרב **אברהם מנחם שטערן** שליט"א | **אברכים זופניק**<br>193 Keap St. |
| הרב **יוסף גרינוואלד** שליט"א | בן הגה"צ **מאיר** שליט"א, דומ"ץ פאפא<br>התן הגה"צ **אבד"ק אלעסק** שליט"א | **אלעסק** עד שעה 11:00<br>ואח"כ אצל עריכת השלחן כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א |
| מו"ה **שלום מרדכי ווייס** הי"ו | בן מו"ה **ישכר דוב** ע"ה<br>התן מו"ה **חיים יעקב דייטש** הי"ו | **באבוב-45**<br>92 Penn St. |
| מו"ה **אלימלך זילביגער** הי"ו | בן הרה"ג **אלחנן נתן** שליט"א<br>התן הרה"ג **ישראל אונסדארפער** שליט"א | **באבוב-45**<br>92 Penn St. |
| הרב **אברהם יקותיאל יודא לאבין** שליט"א | בן הגה"צ **אבד"ק באלחוב** שליט"א<br>התן הרה"ג **אהרן יוסף ראזענבערג** שליט"א | **באלחוב**<br>Marcy Cor. Flushing |
| מו"ה **יואל מאסרי** הי"ו | בן מו"ה **מאיר דוד** הי"ו<br>התן מו"ה **יעקב כוהן** הי"ו | **בבית אבי מורי**<br>488 Bedford Ave. |
| מו"ה **יושע שלמה מערץ** הי"ו | בן מו"ה **דוד הערש** הי"ו<br>התן מו"ה **שלום יצחק שעהר** ע"ה | **בבית מו"ח**<br>23 Rodney St. (Cor. Kent) |
| מו"ה **יואל פראמאוויטש** הי"ו | בן מו"ה **שאול יחזקאל** הי"ו<br>התן מו"ה **אברהם ישעי' זינגער** הי"ו | **בבית מו"ח**<br>311 Division Ave. 3rd Fl. |
| מו"ה **יעקב הערש גוטמאן** הי"ו | בן מו"ה **שמעון** הי"ו<br>התן מו"ה **יעקב דוב אראן** הי"ו | **בראשוב**<br>92 Wallabout St. |
| מו"ה **אברהם פאלאטשעק** הי"ו | בן מו"ה **אליקים געציל** הי"ו<br>התן מו"ה **משה מאיר שאהנוואלד** הי"ו | **בראשוב**<br>92 Wallabout St. |
| מו"ה **יוסף רייך** הי"ו | בן מו"ה **יצחק אייזיק** הי"ו<br>התן מו"ה **שלמה שווימער** הי"ו | **דושינסקיא**<br>135 Ross St. |
| מו"ה **חיים יודל פריעדמאן** הי"ו | בן מו"ה **הערשל** הי"ו<br>התן מו"ה **דוד** ב"ר בצלאל **הכהן קאהן** הי"ו | **וויען**<br>27 Lee Ave. |
| מו"ה **הערשל מערץ** הי"ו | בן כ"ק **אדמו"ר מתפארת יחזקאל** שליט"א<br>התן הרה"ג **יקותיאל משה שמחה** שליט"א | **זכרון נפתלי**<br>175 Franklin Ave. (Myrtle/Willoughby) |
| מו"ה **אשר יודא זעליג** הי"ו | בן מו"ה **משה** הי"ו<br>התן מו"ה **חיים אהרן יוסף פריעדמאן** הי"ו | **נייטרא**<br>161 Rodney St. |
| מו"ה **מענדל קויפמאן** הי"ו | בן מו"ה **אשר זעליג** הי"ו<br>התן מו"ה **יצחק אפפעל** הי"ו | **ניימארק**<br>260 Marcy Ave. |
| מו"ה **ברוך דאנציגער** הי"ו | בן מו"ה **אלעזר** הי"ו<br>התן הרב **משה אהרן דייטש** שליט"א | **סקווירא**<br>571 Bedford Ave. |


**חבורה הכנה והדרכה**
**ליום הבר מצוה וימי הבחרות**
אין לאדאני ביהמ"ד
251 MARCY AVE.
347 452-3853

מודעה חשובה ומשמחת
איה ב' לסדר חיי שרה פאנגט זיך אן די
**בר מצוה כיתה**
דורך די לאנג-יעריגע מלמד און מחנך
**ר' ישראל יהושע מענצער הי"ו**

צו פארזיכערן א פלאץ אין די כיתה וואו מיעט זיך אפ מיט יעדע בחור באזונדער, רופט ווי פריער.

**מפעל חבר טוב - לכל ענייני חברותא במשך כל היום או בלילה כל מה שלבו חפץ 718-753-4377**

**ער"ח** ביי **רבי ישעיל'ע** אין **קערעסטיר**
**דינסטאג** 6:30PM **ביז דאנערשטאג** 8:30PM פ' תולדות
גאנצע נסיעה $750 - רופט 347-675-3281 / 347-907-9625

**גמ"ח פאר "נייע און הערליכע" Poya און ברית Outfit** לע"נ הבתולה שרה ע"ה בת ר' אשר יעקב י-הודא שווארטץ הי"ו **718-388-3273**

הרה"צ המפורסם
**משה טייטלבוים**
שליט"א, פון ארץ ישראל
**באקאנטער מומחה**
אין אויסלעשן עין הרע דורך גיסן בליי
**איז דאהי בלויז געציילטע טעג**
רופט שוין פאר אפוינטמענט
718-513-7772
347-587-0765

**מעלין בקודש**
תורה ליין לבחורים
718-682-2040
צו מנדב זיין לזיכוי סיי וועלכע סכום
**רופט היינט 718-561-9081**
ביז 5 מינוט בעפאר הדלקת הנרות

Chai Care
Urgent Care at its Best
THE BEST URGENT CARE CENTER NOW OPEN
MINIMAL WAIT TIME
**OPEN DAILY FROM 2PM - 12AM**
**פרייטאג** 12-8PM **מוצ"ש** 1/2 HR AFTER ZMAN - 1AM
**735 BEDFORD AVE 718.333.2424 (CHAI)**
Hours: S-Th: 2pm-12am
F: 12-7pm | Sh: 7pm-12am

**האט איר א ביזנעס** אין:
Jersey City | Bayonne | Newark | Hillside | Passaic | Clifton | Linden | Elizabeth
אדער אין די ארומיגע געגנטער
**זשערסי סיטי ארבעטס פארמיטלונג**
וועט אייך צושטעלן דעם ריכטיגן און פאסיגן ארבעט'ס פערזאן
**פאר אלע ערליי אפיס ארבעט, ווערהויז ארבעט א.ד.ג.**
פון אינגעלייט וואס וואוינען אין געגנט פון אייער ביזנעס
פריי פון אפצאל
P. 201-472-0570 E. workinjc@gmail.com




רבי מאיר בעל הנס
**זיבנבערגן**
• תקפ"ב •
נתייסדה ע"י הגה"ק
המראה יחזקאל
והישמת משה זי"ע
718-388-1168

# ויזכנו לראות בנים ובני בנים ...
## די 8 דורות רבי מאיר בעל הנס פושקע פון אונזערע עלטערן
## איז פועל לטובה בס"ד




## קידושא רבא

| | | |
|---|---|---|
| מו"ה **יואל הירש** הי"ו | בן מו"ה **בערל** הי"ו<br>חתן מו"ה **חיים לייב וואלטער** הי"ו | **ביהמ"ד הגדול קיט"ל דסאטמאר**<br>13 Hooper St. |
| מו"ה **שמואל מאיר כ"ץ** הי"ו | בן הרב **הערשל** שליט"א<br>חתן הרב **יודא בער טעללער** שליט"א | **דברי יואל קיט"ל דסאטמאר**<br>161 Harrison Ave. |
| מו"ה **שלמה זלמן גראס** הי"ו | בן מו"ה **מרדכי יואל** הי"ו<br>חתן מו"ה **אהרן אלי' שפיטצער** הי"ו | **בבית אבי מורי**<br>633 Bedford Ave. |
| מו"ה **מאיר וואלף מענדלאוויטש** הי"ו | בן מו"ה **ישראל צבי** הי"ו<br>חתן מו"ה **מנחם משולם שטארק** ע"ה | **די מארקיז**<br>575 Bedford Ave. |
| הרב **ישראל יעקב יוקל טייטלבוים** שליט"א | בן הרה"ג **ברוך** שליט"א - חרב"ן<br>חתן הרה"ג **הערשל אשכנזי** שליט"א, ר"י באר התורה | **דינוב**<br>ביחד עם הבר"מ של הרב יעקב ישראל ישורון טייטלבוים שליט"א |
| מו"ה **שלמה יו"ט גרינבוים** הי"ו | בן מו"ה **ישעי' וואלף** הי"ו<br>חתן הרב **אנשיל וואלטער** שליט"א | **לאנדסבערג**<br>226 Hewes St. |
| מו"ה **יודא פעקעטע** הי"ו | בן מו"ה **ישראל יעקב** הי"ו<br>חתן מו"ה **מנשה ביטמאן** הי"ו | **מאדא**<br>132 Division Ave. |
| מו"ה **חיים הערש יאקאב** הי"ו | בן מו"ה **דוד ארי'** הי"ו<br>חתן מו"ה **אברהם גרין** הי"ו | **מאור התלמוד**<br>7 Middleton St. |
| מו"ה **יושע צבי גלאנץ** הי"ו | בן הרב **מרדכי מנשה** שליט"א<br>חתן הרב **יצחק דוד פריעדמאן** שליט"א | **ביהמ"ד סאטמאר**<br>165 Clymer St. |
| מו"ה **מרדכי אהרן קארצאג** הי"ו | בן מו"ה **שמואל זאנוויל** הי"ו<br>חתן מו"ה **יוסף יצחק גרינפעלד** הי"ו | **ביהמ"ד סאטמאר**<br>62 Harrison Ave. |
| מו"ה **שלמה אברהם כהן** הי"ו | בן מו"ה **נפתלי** הי"ו<br>חתן מו"ה **שמשון קרויס** הי"ו | **ביהמ"ד סאטמאר**<br>Lee Gardens |
| מו"ה **בעריש דייטש** הי"ו | בן מו"ה **שמואל דוד** הי"ו<br>חתן מו"ה **אהרן הערש קעסטענבוים** הי"ו | **ביהמ"ד סאטמאר**<br>690 Myrtle Ave. |
| מו"ה **יואל ווידער** הי"ו | בן מו"ה **שלום יחזקאל** הי"ו<br>חתן מו"ה **מיכל שטעסל** הי"ו | **ביהמ"ד סאטמאר**<br>690 Myrtle Ave. |
| מו"ה **זאב הערשקאוויטש** הי"ו | בן מו"ה **אלכסנדר חיים** הי"ו<br>חתן מו"ה **י-הודא זילבער** הי"ו | **קהלת יעקב דפאפא**<br>654 Bedford Ave. |
| מו"ה **יואל פריעדמאן** הי"ו | בן הרב **ליפא** שליט"א<br>חתן הרב **טובי' לערנער** שליט"א | **קליוולאנד**<br>469 Bedford Ave. |
| מו"ה **מיכל גרובער** הי"ו | בן הרה"ג **לייבל** שליט"א, אדמו"ר זכרון יואל<br>חתן הרה"ג **ישעי' רובין** שליט"א, אבד"ק קערעסטיר | **קערעסטיר**<br>South 8th Cor. Berry |
| מו"ה **דוד בערגער** הי"ו | בן מו"ה **אברהם** הי"ו<br>חתן מו"ה **אברהם יושע** ב"ר אשר **ניימאן** הי"ו | **תולעת יעקב**<br>651 Bedford Ave. |
| מו"ה **ישראל חיים קנאפפלער** הי"ו | בן מו"ה **יצחק משה** הי"ו<br>חתן מו"ה **זלמן סענדראוויטש** הי"ו | **תורת חיים וויזניץ**<br>6 Lee Ave. |
| מו"ה **משה גליק** הי"ו | בן מו"ה **מרדכי אליעזר** הי"ו<br>חתן מו"ה **דוד אלי' וויס** הי"ו | **תפארת משה**<br>621 Penn St. |
| מו"ה **אברהם גאלדבערגער** הי"ו | בן מו"ה **בנימין** הי"ו<br>חתן מו"ה **יעקב** ב"ר יונתן בנימין **שטערן** הי"ו | **שער אפרים**<br>800 Wythe Ave. |

## וואך נאכט מוצש"ק

| | | |
|---|---|---|
| מו"ה **ברוך דאנציגער** הי"ו | בן מו"ה **אלעזר** הי"ו<br>חתן הרב **משה אהרן דייטש** שליט"א | **בביתי**<br>**53 South 8th St.** |
| מו"ה **שלמה זלמן שטערן** הי"ו | בן הרב **שלום הירץ** שליט"א<br>חתן הרב **אברהם מנחם שטערן** שליט"א | **606 Wythe Ave.** (Cor. Clymer) **בבית מו"ח**<br>הבר"מ למחרתו בביהמ"ד סאטמאר ליע גארדענס, שחרית 10:00 |


בס"ד

# חבורת ש"ס

בשורה טובה תדשן עצם

פאר די חשובע בחורים וואס ווילן אויסנוצן די זייטיגע זמנים

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן אז מיר גרייטן זיך בעזה"י צו עפענען א חבורה פאר בחורים וואס זוכן קונה צו זיין מסכתות הש"ס אין די זייטיגע זמנים, ווי מען וועט בעזה"י קונה זיין א גאנצע מסכתא במשך קומענדיגע יאר

**פארגעלערנט דורך א תלמוד חכם פה מפיק מרגליות מיט א געוואלדיגע קלארקייט**

עס וועט אי"ה פארקומען צווי באזונדערע ביתות

**חבורה א'**
**פרייטאג צופרי**
**שבת צופרי**

**חבורה ב'**
**פרייטאג נאכמיטאג**
**מוצאי שבת**

**עס איז ספעציעל מיוחד פאר בחורים מצויינים וואס זוכען אויסצונוצן די ימי הבחרות.**

מען וועט בעזה"י לערנען טייל פון די גרויסע שווערע מסכת **שבת עירובין יומא חולין עב"ז** וכדו'.

עס וועט זיין געוואנדן לויט די פארלאנג פון די בחורים חשובים וואס וועלן זיך איינשרייבן.

עס וועט בעזה"י באגלייט ווערן מיט בחינות בכתב ובע"פ, די אייך וועט געגעבן ווערן בעזה"י א חמצית הדף מיט א סדר כדי צו קענען איבערחזרן און איבערחזרן די לימודים. עס זאל זיין כמונח בקופסא שאם ישאלך אדם אל תגמגם אלא אמור לו מיד.

**זיך איינצושרייבן אדער פאר מער פרטים ביטע רופט: 1347-831-5040**



# שרייבט איין אייער קינד ביי די לימודי 'קנין משנה' אין איינע פון די 3 מתמידים לאקאלן:



1) **ביהמ"ד רימאנאוו**
מיורטל עוו.

2) **ביהמ"ד מגד יהודה**
בעדפארד הייז

3) **ביהמ"ד נדבונא**
קליימער סאוט 8

לימוד התורה
**בנוכחי בהמ"ד**

חברה
**קנין משנה**
קינדער מיט א ציל מסיים זיין ששה סדרי משנה

רופט שוין צו פארזיכערן א פלאץ
**347.443.8131**





בית המדרש
**בית מנחם צבי**
נתיסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זיע"א

דקהל
**יטב לב דסאטמאר**
בנשאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

242 Wallabout St • Brooklyn, NY • 11206

# מודעה משמחת

שמחים אנו להודיע לכל אנ"ש ובאי בית מדרשינו שיחי'

שתתקיים בעז"ה

# מנייני מעריב בכל יום
# עד שעה 1:00 בלילה

הנהלת ביהמ"ד

מתחילין בע"ה
סדר מועד
סדר קדשים

2 לאקאציעס

וועט פארקומען יעדן טאג בע"ה אין
**ביהמ"ד בריגל**
(מארסי מירעלטאון)
**כיתה ה'** פון **6:10** ביז **7:00**
**כיתה ו ז' ח'** פון **7:15** ביז **8:15**

וועט פארקומען יעדן טאג בע"ה אין
**ביהמ"ד דזשיקוב**
(פארק סקילמאן)
**כיתה ה'** פון **6:10** ביז **7:00**
**כיתה ו ז' ח'** פון **7:15** ביז **8:15**

# מתמידים משנה תורה

כיתה ו, ז, ח, סדר קדשים
כיתה ה' סדר מועד

**כל הקודם זכה !!**
**די קלאסן פילן זיך אן !!**

**א מתמידים וואס איז...**
געשטעלט פאר פלייסיגע קינדער מיטן ציל דורכצולערנען גרינטליך מיט א שטארקע הבנה און זיך פארהערן מסכתות משניות ביי חשוב'ע רבנים שליט"א. אזוי ווי מיר האבן עס שוין געטון מיט הצלחה אין די פארגאנגענע 9 יאר הערל"ט.

פאר מער אינפארמאציע
רופט היינט:
הר"ר יואל הלוי וואנדאצקער שליט"א
**347-831-4218**



# אַ טאַטנ'ס שטורעבן!

צו זען זיין קינד
"קונה זיין"
חלקי התורה

"יעצט" קענט איר
דאָס דערלעבן!

פנויות הזמן
דעם
מיטוואך
פרשת לך

שרייבט
אים איין
"היינט" אין

# "קנין משנה"

די בעסטע, אויסגעפרואווטע
סיסטעם קונה צו זיין משניות בעז"ה!

**"פערזענליכע באַגלייטונג"**
פאַר יעדן תלמיד • פון יעדע יאָראַנגג!

חברה
קנין משנה

מתמידים אין ביהמ"ד:
**347.443.8131**
סיזי פראגראם אינדערהיים:
**718.264.7462**



# בית אופה ד'סאטמאר

322 Rutledge St
Brooklyn NY 11211

T: 718-522-2622
F: 718-522-2722

בית אופה
דקהל יטב לב ד'סאטמאר

בס"ד

## בשורה טובה

מיט גרויס פרייד טוען מיר מודיע זיין פאר דעם חשובן ציבור, אז כדי צו קענען נאכקומען די גרויסע פארלאנג פון אנ"ש פאר אונזערע מצות מהודרים,

האט די הנהלת בית האופה באשלאסן צו עפענען

## א באזונדערע אפטיילונג
## פון היימישע אינגעלייט

א גאנצן טאג פון 8:30 צופרי ביז 5:30 נאכמיטאג

**ספעציעל געאייגנט פאר היימישע אינגעלייט**

צו קענען עוסק זיין אין עבודת הקודש און ברענגען פרנסה בדרך כבוד,

פאראינטערעסירטע ביטע רופט די בעקעריי
718-522-2622
ביטע לאזט א מעסעדש און מיר וועלן אייך צוריק רופן.

פארשידענע פאזיציעס נאך עוועליבעל

רופט אייך אן באצייטנס, וכל הקודם זכה.

הנהלת בית האופה

# די אומשאצבארע סגולה און די געוואלדיגע מעלה פון נישט רעדן ביים דאווענען

אַ מורא'דיגע עפּיזאָד וואס האט אויפגעציטערט די שטאָט לאָנדאָן:

## איך קענט קומען צו מיר אין אָפיס זען ביידע סקענס - די ערשטע איז רחמנא ליצלן; די צווייטע איז גענצליך ריין!!!

א מורא'דיגע מעשה גייט ארום אין דער שטאָט לאנדאן במשך די לעצטערע טעג. כדי לזכות את הרבים וועלן מיר עס מיטטיילן, דברים כהווייתן, פאר אונזערע חשוב'ע לייענער.

ס'איז געווען פ' נצבים, עטליכע טעג פאר ראש השנה, אין דעם סקווערער שטיבל אין לאָנדאָן. ס'איז דאָרט פאָרגעקומען אַ דרשת הכנה צו די הייליגע טעג, וואו דער דומ"ץ הקהלה, הגה"צ רבי יחזקאל פריזעל שליט"א, האט אויפגעטרעטן בדברי חיזוק והתעוררות לקראת די ימי הדין.

בעפאָר'ן ענדיגן רעדן, האט ער אַרויפגערופן הרה"ח ר' מרדכי נתן (מאטי) פריזעל שליט"א, און דער דיין האָט געזאָגט אַז ער וויל בעטן דאָ ר' מרדכי זאָל דאָ קומען איבערגעבן עפעס פאַר'ן עולם, וואָס וועט זיין די גרעסטע התעוררות בעפאָר די ימי הרחמים והרצון.

ר' מרדכי איז אַ חשוב'ער געטרייער עסקן בעניני רפואה, און איז שטאַרק באהאוונט אין דאָקטאָריי, אַרויסהעלפנדיג אידישע קינדער בעת צר.

דער עולם וואונדערט זיך, וואָס האָט דאָ ר' מרדכי צו זאָגן ביי דער אסיפת התעוררות?

אָבער, ער לאזט זיך נישט לאנג ווארטן, ער קומט אַרויף צום עמוד, און הייבט אָן זאָגן ווי פאָלגענד:

"ווי באקאנט איז אין דעם לעצטן יאָר ליידער נפטר געווארען צוויי יונגע מענטשן דאָ אין אונזער קהלה, אינעם סקווערער ביהמ"ד, דאס זענען די צוויי חשוב'ע אידן הרה"ח ר' בנימין הלל בערגער ז"ל, און הרה"ח ר' גרשון סטאקס ז"ל; ביידע זענען נעבעך אוועקגעריסן געוואָרן פון דער ביטערער מחלה הנוראה.

"בשעת זיי זענען נישט געזונט געווען, האט דער גאנצער עולם זיך מקבל געווען "נישט צו רעדן ביים דאווענען און נישט ביים ליינען". וכך הוה, ס'האט געהערשט א מורא'דיגע שטילקייט דאָרט ביים דאווענען. מענטשן וואס זענען געווען געוואוינט צו רעדן און שמועסן, אַלע האָבן זיך גענומען די קבלה און שטאַרק נזהר געווען דערין.

"ליידער, ס'איז דורך אַ שטיק צייט, האָט מען געהערט די ביטערע בשורה, אַז די צוויי אידן זענען נעבעך אוועקגעריסן געוואָרן פון אונז. ס'איז געווען א מורא'דיגער צער ביי יעדן. מ'האָט אַזויפיל געבעטן, אזויפיל מתפלל געווען, אזויפיל זיך אונטערגענומען, אָבער, אידישע קינדער זענען מצדיק דעם דין, גזירה היא מלפני, ואין רשות להרהר אחרי'."

ביז אַהער איז אלעס געווען דברים ידועים. דער עולם האָט עס מיטגעהאַלטן. דאָ האָט אָבער ר' מרדכי איבערראַשט דעם עולם מיט עפעס וואָס איז נישט געווען באקאנט.

"אבער, טייערע אידן, איר זאלט נישט מיינען אַז אונזערע תפלות, און אונזער קבלה האָט נישט פועל געווען גדולות ונצורות! איך וויל ענק פאַרציילן וואס האט פארסירט פאר עטליכע וואכן צוריק."...

און ר' מרדכי האט דא דערציילט עפעס וואס האט שאקירט דעם גאנצן עולם.

"א חשוב'ער יונגערמאן דא ביי אונז אין ביהמ"ד איז ליידער דיאגנאזירט געוואָרן מיט יענער מעשה - אויף א שטארקן אופן רח"ל, נאכ'ן אנקומען צו אַ גאָר גרויסן פראָפעסאָר, האט אים דער פראָפעסאָר געזאגט: איך קען פרובירן צו מאַכן טריעטמענטס, אבער דו דאַרפסט זיין גרייט אויפ'ן ערגסטן.... רחמנא ליצלן!

"דער יונגערמאן איז ארויס פון דאָרט צעשאָסן און צעפיצלט. זיין מצב רוח איז געוואָרן צעשמעטערט. ער האט זיך גענומען משלים זיין מיט'ן מציאות, 'כ'וועל נישט דערלעבן חתונה מאכן מיינע קינדער...' ה' ישמרנו.

"יענע נאכט, אין דער פינסטערניש באישון ליל, האָט ער זיך ארייגעכאפט דאָ אין ביהמ"ד, ער איז צוגעגאנגען צום ארון קודש, זיך ביטערליך אויסגעוויינט זיין צעריסן, פאַרקלעמט האַרץ, און זיך גענומען זאָגן אויף מאַמע לשון:

"רבונו של עולם, דו ווייסט דאָך אז די אידן דאָ אין דעם ביהמ"ד האבן זיך אונטערגענומען נישט צו רעדן ביים דאווענען, ואני הקטן בתוכם כאָטש ס'מיר זייער נישט גרינג אָנגעקומען. הייליגער טאַטע, דו ווייסט אַז ס'איז שוין געווען אין דעם ביהמ"ד צוויי קרבנות, און פאַר זיי האָט מען שוין ליידער נישט געקענט אויסבעטן. בעט איך דיר, אב הרחמן, כאָטש פאַר מיר זאָל העלפן דער הייליגער כח און איך זאָל ווערן געזונט"!....

- "מורי ורבותי", האָט העסקן ר' מרדכי אויסגעפירט מיט רירנדע געפילן, "דעם יונגערמאַנ'ס תפילה איז ארויף און הימל, און איז געוואָרן אָנגענומען! וואונדער איבער וואונדער! ביים נעקסטן "סקען", האָבן די טעסטס געוויזן, אז ס'נישטאָ מער קיין זכר פון גארנישט. די מחלה איז פאַרשוואונדן געוואָרן!!!"

"ווער עס גלייבט נישט", האָט ער געשלאָסן זיינע דיבורים, "קען אריבערקומען צו מיר אין אפיס, און זען סיי דעם ערשטן סקען און סיי דעם צווייטן סקען, און זען ווי ער איז ב"ה ריין מכל מחלה!!!"

די דיבורים, די מעשה נורא, האָט עלעקטעריריזט די אַלע מתפללים, און דאָס איז פאַר זיי געווען די שטאַרקסטע און גרעסטע התעוררות זיך גרייטנדיג צו די הייליגע טעג, וויסנדיג אפצושאצן דעם אומבאַגרייפליכן כח פון תפלה, און דאָס נישט רעדן בשעת התפלה וקריאת התורה, וואָס איז מסוגל אראפצוברענגען אלע השפעות טובות, למעלה מדרך הטבע.